איציק מאַנגער

# יוסף הצדיק שפּאַצירט אויפֿן בולוואַר

יוסף שפּאַצירט אין זײַדענעם העמד
פֿאַר נאַכט אין דער שטערן-אַליי;
פֿרײַלינס מיט בלאָע פּאַראַסאָלס
ווינקען און שמייכלען פֿאַרבײַ – –

איינע שעפּטשעט: „זעלדע, דו זעסט,
ער איז טאַקע שיין ווי גאָלד,
ווען כ'וואָלט נאָר געהאַט גענוג נדן,
וואָלט איך נאָר אים געוואָלט.“

די צווייטע שעפּטשעט: „נעכטן בײַ נאַכט
איז ער געקומען אין חלום צו מיר
און כּדי ס'זאָל אים נישט זײַן צו שווער,
האָב איך אָפֿן געלאָזט די טיר.“

יוסף שמייכלט. ער ווייסט אַליין,
אַז ער איז אַ שיינער יונגערמאַן,
ער האָט נישט איין מאָל געזען זײַן בילד
אין דער הילצערנער וואַסערקאַן.

אַ שאָד נאָר וואָס זײַנע בראַטשיקעס
דערגייען אים זײַנע יאָר
מיט „שטערן-טײַטשער“ און „יאָסעלע תּם“
און „חלום אויף דער וואָר.“

הײַנט אַכט טאָג איז ער געווען אויפֿן אָרט,
ווּ די מאַמע רחל רוט:
„מאַמע געטרײַע, זאָג מיר פֿאַר וואָס
פֿאַרצאַפּן זיי מיר דאָס בלוט.“

נאָר ס'האָט געשוויגן דער קאַלטער שטיין
און געשוויגן דאָס בערגל ערד;
און אפֿשר, ס'קען זײַן, די מאַמע אַליין
האָט זײַנע טענות נישט געהערט.

דערפֿאַר האָט ער ליב די שטערן-אַליי,
ווּ די פֿרײַלינס שמייכלען פֿאַרבײַ
מיט קליינע בלאָע פּאַראַסאָלס
און אַ יעדע שמעקט מיט מײַ.

און אפֿשר איז דאָס אַ חלום בלויז
און ער זעט אים נאָר אַליין,
און זײַנע בראַטשיקעס אין דער היים
וועלן עס קיין מאָל נישט פֿאַרשטיין.

זאָל זײַן אַ חלום, אַבי ער איז שיין;
און ער גייט מיט שטילע טריט,
ער זאָל נישט פֿאַרלעשן דאָס אָוונטגאָלד,
די פֿרײַלינס און דעם צוויט.

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.